**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/18/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול באשטימט עריקע מאלין צו דינען אלס עקזעקיוטיוו דירעקטארעין פון די ניו יארק סטעיט קאונסיל פאר קונסטווערק**

***נאציאנאל-אנערקענטע קונסטווערק פירערין צו שטיין אין שפיץ פון ניו יארק'ס שעפערישע אינדוסטריעס און שטופן פאר קונסט און קולטור פאר יעדן***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די באשטימונג פון עריקע מאלין צו דינען אלס עקזעקיוטיוו דירעקטארין פון די ניו יארק סטעיט קאונסיל פאר קונסטווערק. זייענדיג אן ערפארענע און נאציאנאל-אנערקענטע קונסט און קולטור פירערין, האט מאלין לעצטנס אנגעפירט דעם Aspen Institute קונסט פראגראם און זי האט געדינט פאר איבער צען יאר אלס עקזעקיוטיוו דירעקטארין פון ניו יארק'ס Tony Award®-געווינענדע Signature טעאטער.

"ניו יארק סטעיט'ס קונסט און קולטור סעקטאר איז א מאכטפולע עקאנאמישע טרייב קראפט, א ביישטייערנדע כוח צו אונזער געזונטהייט און וואוילזיין און א יסוד פון אונזער קאמיוניטי שטארקייט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיר באגרוסן עריקע'ס פירערשאפט, ערפארונג און שעפערישע ארבעט אין דעם פעלד. אונטער איר אנווייזונג, וועלן מיר פארזעצן צו מאכן וואקסן אונזער שעפערישע עקאנאמיע און די השפעה דערפון אויף אלע אונזערע קאמיוניטיס."

**פארזיצערין פון די ניו יארק סטעיט קאונסיל פאר קונסטווערק ( New York State Council on the Arts, NYSCA), קעטערין ניקאָלס, האט געזאגט,** "עריקע'ס קאריערע מישט אויס איבערגעגעבנקייט צו פארמערן צוגענגליכקייט צו קונסט און א טיפע פארשטאנד פון די ראלע פון דעם קונסטלער אין אונזער געזעלשאפט. צוזאמען מיט אונזערע איבערגעגעבענע איינגעשטעלטע און קאונסיל, קוק איך ארויס צו ענטפאנגען עריקע צו NYSCA און צו דינען און שטיצן אונזער וועלט-בארימטע ניו יארק סטעיט קונסט און קולטור סעקטאר."

**עקזעקיוטיוו דירעקטארין פון NYSCA, עריקע מאלין, האט געזאגט,** "איך בין גאר באעהרט דורך די באשטימונג און געלעגנהייט צו קעמפן פאר די טויזנטע קונסטלער און קונסט ארגאניזאציעס אריבער ניו יארק, די מערסטע געוואלדיגע און שעפערישע אינדוסטריע אין די וועלט. איך וויל באדאנקען גאווערנער האקול און די לעגיסלאטור פאר זייער אנטשיידענע שטיצע פאר ניו יארק'ס מאכטפולע קונסט און קולטור סעקטאר. איך קוק ארויס צו ארבעטן מיט איינגעשטעלטע, די קאונסיל און שותפים אריבער די סטעיט צו אמבעסטן באדינען די פעלד און די וויכטיגע ביישטייערונגען דערפון צו אונזער עקאנאמיע, צו טראנספארמירן קאמיוניטיס און צו אינספירירן איינוואוינער און באזיכער צוגלייך."

עריקע מאלין האט לעצטנס געדינט אלס עקזעקיוטיוו דירעקטארין פון דעם Aspen Institute קונסט פראגראם, וואו זי האט צוזאמגעברענגט קונסטלער און קולטורישע פירער צו באעהרן זייער ארבעט און זייערע ראלעס אלס פירער אויף געדאנקען וויאזוי צו צוגיין צו גרויסע געזעלשאפטליכע און בירגערליכע

אנגעלעגנהייטן. זי האט אויך אנגעפירט די קונסט פראגראמען פאר די בארימטע Aspen Ideas Festival און פאר די אנגעזעהענע Harman/Eisner יערליכע Artist in Residence באעהרונג. בעפאר די אינסטיטוט איז זי געווען עקזעקיוטיוו דירעקטארין פון די Tony Award®-געווינענדע Signature Theatre Company. איר צייט אויף די שטעלע האט אריינגערעכנט די פראדוקציע פון איבער 100 פארשטעלונגען און דאס אנפירן Signature'ס 70 מיליאן דאלארדיגע איסברייטערונג צו די Pershing Square Signature Center דעזיינט דורך פרענק געהרי. זי האט אויך אנטוויקלט און איסגעברייטערט די Signature טיקעט איניציאטיוו, א סאָבסידייזד טיקעט פראגראם צו מאכן טעאטער מער צוגענגליך. די איניציאטיוו איז געווארן א מוסטער פאר די גאנצע לאנד, באדינענדיג איבער איין מיליאן מענטשן. פאר אירע עררייכונגען איז די Signature טעאטער געווען די ערשטע פירמע אין NYC צו באקומען די ראיאנישע טעאטער Tony Award®, איינס פון די גרעסטע עהרעס אינעם פעלד. זי האט געהאלטן פאסטנס אין די Manhattan Theatre Club, Atlantic Theatre Company און ביי די ניו יארק סיטי'ס מעיאר'ס אפיס וואו זי האט געארבעט אויף איניציאטיוון צו מאכן רעגירונג סערוויסעס מער ווירקזאם. זי האט אויך אנטוויקלט דעם 'געגנט ביזנעסלייט' (Neighborhood Entrepreneurs) פראגראם וואס האט באקומען אן Innovations in American Government (נייע געדאנקען אין אמעריקאנע רעגירונג) באעהרונג פון די Harvard Kennedy School.

מאלין איז געווען פארזיצערין פון פאנעלן, זי האט פרעזענטירט און געגעבן לעקציעס ביי קאלאמביע, יעיל, NYU, The Kennedy Center און ביי די Aspen Ideas Festival. זי איז געזיצן אויף פארשידענע גרענט קאמיטעען און זי האט געגעבן ראט איבער קונסט פארוואלטונג פאר קולטורישע אינסטיטוציעס. זי האט באקומען איר MS דעגרי פון קאלאמביע אוניווערסיטעט'ס Graduate School of Journalism און איר BA דעגרי פון די מישיגען אוניווערסיטעט.

**איבער די ניו יארק סטעיט קאונסיל פאר קונסט**

די מיסיע פון די ניו יארק סטעיט קאונסיל פאר קונסטווערק איז צו פלעגן און פאראויס שטופן די פולע ספעקטרום פון ניו יארק סטעיט'ס קונסט, קולטור און שעפערישקייט פאר יעדן. כדי צו שטיצן די אנגייענדע ערהוילונג פון די קונסט פעלד אריבער ניו יארק סטעיט, וועט די קאונסיל פאר קונסטווערק פארטיילן 127 מיליאן דאלאר אין די פיסקאלע יאר 2024, באדינענדיג איבער 2,000 קונסט ארגאניזאציעס און קונסטלער אריבער אלע 10 סטעיט ראיאנען. די קאונסיל פאר קונסטווערק טוט ווייטער פאראויס שטופן ניו יארק'ס שעפערישע קולטור דורכן צוזאמברענגען פירער אין דעם פעלד און צושטעלן ארגאניזירונג און פראפעסיאנאלע אנטוויקלונג געלעגנהייטן און אזוי אויך אינפארמאציע קוועלער. געעפנט דורך גאווערנאר נעלסאן ראקעפעלער אין 1960 און יעצט מיט די שטיצע פון גאווערנער קעטי האקול און די ניו יארק סטעיט לעגיסלאטור, איז די קאונסיל אן אגענטור וועלכע איז טייל פון די עקזעקיוטיוו ברענטש פון די רעגירונג. פאר מער אינפארמאציע איבער NYSCA, באזוכט ביטע www.arts.ny.gov און פאַלאָוט NYSCA'ס Facebook בלאט, אויף X @NYSCArts און אויף Instagram @NYSCouncilontheArts.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן